בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



**בא**

**ג' שבט תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:31 |
| מוצש"ק | 5:47 |
| ר"ת | 6:24 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:35 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:04 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ק"כ

שנה ג'


## טיב הפרשה

# וגם מקננו ילך

## ביי הקב"ה זענען אלע ברואים גלייך

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די לעצטע דריי מכות וואס הקב"ה האט געברענגט אויף די מצרים איידער זיי זענען ארויס פון מצרים.

די תוה"ק דערציילט אונז אז פאר יעדע מכה איז געווען א דין ודברים צווישן פרעה און משה רבינו בנוגע דער ארויסלאזן אידן פון מצרים. אנדערש ווי ביי די ערשטע מכות ווען פרעה איז געווען שטייף איז ער ביי די לעצטערע מכה'ס געווען ווייכער נאכגעבנדיג געוויסע זאכן, אבער דאך האט ער נישט מסכים געווען ארויסצולאזן די אידן פון מצרים.

ווען עס קומט צו די לעצטע מכה טרעפן מיר אז פרעה איז שוין געווען גרייט נאכצוגעבן כמעט אלעס, און די טענה'דיי איז נאר געווען איבער די שעפעלעך און די בהמות פון כלל ישראל.

מען זעט אז פרעה איז געווען גרייט נאכצוגעבן אלעס אבער נישט די שאף, און דאגעגן משה רבינו האט נישט געהאלטן ביים נאכגעבן די נקודה.

מיר ווייסן דאך אז יעדער זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק איז א לימוד אויף היינט און אויף לדורות, און עס איז זיכער אז די תוה"ק וויל אונז דא אויסלערנען א נקודה מיט די עקשנות וואס כלל ישראל האט געהאט איבער די שעף.

נאר עס קען זיין אז הקב"ה האט געוואלט משריש זיין פאר'ן כלל ישראל א שטארקע נקודה, און דאס איז די חשיבות פון יעדע זאך אין די בריאה. ביי א מענטש איז זייער מצוי אז ער קוקט זיך אן ווי דער בחיר הבריאה און אז אלעס איז אונטער אים און ער קען מזלזל זיין אין זאכן וואס זענען נידריגער פון אים, אבער דאס האט הקב"ה געוואלט ווייזן דא ביי דער שטיקל, אז יעדער חלק פון די בריאה איז חשוב כלפי שמיא, אז מען קען נישט מזלזל זיין אין קיין שום חלק פון די בריאה.

די נקודה דערקענט זיך מערערע מאל ביי יציאת מצרים. סיי ווען מען האט מעניש געווען די מצרים איז דער עונש געווען סיי אויף דער מענטשליכער בכור און סיי אויף דער בכור בהמה, אז ביידע זענען אייניג אומגעקומען בחצות הלילה.


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# די מעלה פון אידישע געלט

די הייליגע חז"ל דערציילן אונז איבער רבי פנחס בן יאיר, וועלכער איז געגאנגען אין וועג צוליב א דבר מצוה, און אנקומענדיג אין די אכסניא, האבן די גאסט־געבער דערלאנגט גערשטן פאר זיין אייזל, און ער האט עס נישט געוואלט עסן, און אויך ווען זיי האבן פראבירט רייניגן די גערשטן אויף פארשידענע וועגן, כדי עס זאל מער ריין, טראכטנדיג אז ער וויל עס נישט דערפאר וואס עס איז נישט אזוי ריין, האט עס נישט געהאלפן אז דער אייזל האט נישט אנגערירט די שיסל מיט די גערשטן. אזוי ווי זיי זענען דארט געשטאנען און זיך געוואונדערט דערויף, האט זיי רבי פנחס געפרעגט, צי זיי האבן גע'מעשר'ט די גערשטן. האבן זיך די גאסט־געבער מודה געווען אז זיי האבן עס נישט גע'מעשר'ט, און גלייך ווען זיי האבן גע'מעשר'ט די גערשטן, האט זיך דער אייזל דערנענטערט און געגעסן פון די גערשטן. האט זיי רבי פנחס געפרעגט, די ארימע אייזל גייט דאך צו טון דעם ווילן פונעם באשעפער, און איר געבט איר צו עסן טבל?

פון אט די מעשה זעען מיר, אז עס איז דא א פארבינדונג צווישן דער מענטש און זיינע חפצים, און ווען ער ווערט דערהויבן, הייבט ער אויף זיין פארמעגן צוזאמען מיט אים. אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די ספרים הקדושים, אז יעדער זאך אויף דער וועלט ווערט נתעלה דורך די אידישע קינדער, און אפילו א דומם אדער צומח, אויב געפינט זיך עס אונטערן רשות פון א איד, באקומט עס א קדושה און עס איז זוכה צו אַן עֲלִיָּה.

אין די היינטיגע פרשה געפינען מיר, אז פרעה האט געזאגט צו משה רבינו: לְכוּ עִבְדוּ אֶת ה' רַק צֹאנְכֶם וּבְקַרְכֶם יֻצָּג. ער האט שוין אפילו מסכים געווען אז אלע אידן זאלן ארויסגיין פון זיין לאנד, אויך די פרויען, אויך די קינדער, נאר די שאף און רינדער – אונזער פארמעגן – פאדערט ער אז עס זאל בלייבן אין מצרים. אבער משה פון זיין זייט, עקשנ'ט זיך אז נישט נאר וועלן אונזערע בהמות גיין מיט אונז, נאר אויך דו, פרעה, וועסט אונז מיטגעבן שעכטונגען און קרבנות עולה.

דא זעען מיר, אז יעדער איינער האט געוואלט, אז אויסער זיין אייגענע געלט, זאל זיך אויך געפינען ביי אים דער געלט פונעם אנדערן. דארפן מיר דאס דאך פארשטיין, וואס וועט דען פרעה פארדינען דערפון אז די פארמעגן פון די אידן וועט זיך געפינען ביי אים, און וואס וועלן דען אידן פארדינען אז פרעה וועט זיי צוגעבן פון זיינע?

נאר, לויט וואס מיר האבן פריער ערקלערט איז דאס פארשטענדליך, ווייל דער תכלית פון אלע גשמיות'דיגע זאכן איז דאך אז מען זאל עס מעלה זיין, און אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט אז די עֲלִיָּה פון יעדער זאך ווענדט זיך אין איר בעל הבית, און דערפאר האט פרעה געוואלט אז די אידישע געלט זאל בלייבן ביי אים, ווייל כאטש ער איז געווען געצוואונגען ארויסצושיקן די אידן, פונדעסטוועגן האט ער געוואלט אז זייער פארמעגן זאל נישט אויפגעראכטן ווערן, וויבאלד א חפץ וואס געפינט זיך ביי א גוי, איז נישט נאר וואס ער איז עס נישט מעלה, טוט ער עס נאך אראפנידערן אונטן צו די קליפות. אבער משה פון זיין זייט, איז נישט נאר וואס ער האט נישט מסכים געווען דערצו, נאר ער האט אויך געוואלט אז פרעה זאל געבן פון זיין פארמעגן, כדי דורכדעם זאלן די אידן האבן דעם מעגליכקייט אויך מעלה צו זיין דאס גשמיות פון אים צו השי"ת.

(עפ"י טיב התורה – בא)


## טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אויך ווען עס קומט צו מאכן א זכר פון דער נס און די בכורים גייען באקומען א געוויסע חשיבות און מען גייט זיי מחשיב זיין מער ווי אנדערע און מען דארף מאכן ביי זיי א פדיון הבן, פארגלייכט מען דער בכור אדם צו דער בכור בהמה אז ביידע האבן א קדושה ביי הקב"ה, און אז דער בכור פון א מענטש דארף מען אויסלייזן און אויך די בכור בהמה.

די אייניגקייט האט אין זיך א דאפעלטער דערהער. עס קומט אויסלערנען דער מענטש אז ער זאל זיך נישט האלטן איבריג גרויס אויף אנדערע ווייל יעדער זאך אין די בריאה איז דא וויבאלד ער דארף אריבערגיין א תיקון, און אויך אז ער זאל נישט מזלזל זיין און מצער זיין א בעל חיים.

פון חז"ל ווייסט מען ווי הארב עס איז מצער צו זיין בעלי חיים. די גמרא דערציילט איבער רבינו הק' אז ער האט געליטן יסורים נוראים ווייל ער האט נישט אפגעשוינט א שעפסל, און אז נאר ווען ער האט מתקן געווען דער פגם מיט'ן זאגן פאר זיין דינסט אז זי זאל נישט פארטרייבן די בעלי חיים מיט א כלי, האבן זיך אפגעשטעלט זיינע יסורים.

די זהירות אין דעם נושא האט מען געזען ביי אלע צדיקים, אויך ביי די שפעטערדיגע. איך האב אמאל געהערט דערציילן אז ביי דער חזון איש האט זיך אמאל געטראפן אז א פליג האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטערן און אנגעהויבן נאגן זיין בלוט. דער חזון איש האט איר נישט אוועקגעשיקט, אבער א איד וואס האט עס צוגעזען האט מער נישט געקענט צוקוקן וואס ער זעט, און ער האט פארטריבן די פליג.

דער חזון איש האט פאַרגעהאלטן דעם איד פרעגנדיג פון וואו ווייסט ער אז מען מעג עס טון? יעדער זאך אין די וועלט האט דאך א חשבון, און אז די פליג נאגט איז א סימן אז אזוי דארף צו זיין.

די זעלבע זאך דערציילט מען אויף הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצ"ל. ביי דער צדיק איז געווען א קביעות אז ער האט קיינמאל נישט מטריח געווען א איד, וואס ער האט געדארפט האט ער געמאכט אליין, אז ער האט געדארפט א ספר האט ער זיך אויפגעשטעלט אויפ'ן בענקל און עס גענומען. איין טאג האט ער געלאזט רופן זיין גבאי ר' אליהו ראטה זצ"ל און געבעטן אז ער זאל אים ברענגען א ספר.

רבי אלי' האט עס געברענגט, אבער אין איינוועגס האט ער אויסגעדרוקט זיין וואונדער: וואס איז היינט געשען אז דער רבי איז אים מטריח, אנדערש ווי זיין שטייגער? דער צדיק האט אים געוויזן אז א קעצל האט געכאפט א דרימל נעבן אים און ער וויל אים נישט אויפוועקן, און אז ער וועט ארויסגיין פון בעט וועט זיך דער קעצל אויפוועקן.

אויף אזוי ווייט איז געווען זיין זהירות נישט פוגע צו זיין אין קיין שום לעבעדיגע באשעפעניש.

דאס איז אזוי ביי בעלי חיים און אויך ביי מענטשן, ווייל אייביג דארף מען זיין געווארענט אין דער כבוד פון א צווייטן, ווייל יעדער איד אפגעזען ווי אזוי ער זעט אויס איז חשוב כלפי שמיא.

דער יעב"ץ אין זיין סידור בית יעקב (סידור רבי יעקב עמדין) ברענגט אראפ א בריוו פונעם זמן הבית, וואו עס ווערט געשילדערט דער איבערלעבעניש ביי די אידן ערב פסח וויאזוי עס איז צוגעגאנגען די הקרבה פונעם קרבן פסח און עס ווערט באצייכנט אז עס זענען געקומען פילע טויזנטער אידן מקריב זיין דעם קרבן פסח, און דער סדר איז געווען אז ווער עס איז געקומען ערשט איז געגאנגען ערשט.

צווישן די קומער איז אויך געווען עלטערע אידן און ער האט געפרעגט די אידן ווי אזוי שוינט מען נישט אפ די עלטערע? האבן זיי אים געזאגט אז ווען מען איז מקריב פאר הקב"ה זענען אלע אייניג.

דאס איז א לימוד פאר יעדן איינעם פון אונז אז כלפי שמיא זענען אלע אייניג, און מען דארף יעדן מכבד זיין אייניג.

זאל הקב"ה געבן אז מיר זאלן ניצול ווערן פון זלזול אין כבוד הבריות און צער בעלי חיים און זוכה זיין צו ביאת הגואל בקרוב.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# צוויי מאל ניסים די זעלבע נאכט

ווען מיר האבן זיך ארויסגעלאזט פון אונזערע שטיבער קיין ירושלים, איז נאכנישט געווען קיין זכר צו קיין שניי. מען האט גערעדט איבער א מעגליכע שניי-שטורעם אבער למעשה איז נישט געווען קיין זכר דערצו.

מיט א רואיגער געמיט האבן מיר זיך געלאזט אין וועג אריין, אבער האלטנדיג אינמיטן די שיעורים האט זיך די שניי אנגעהויבן אראפלאזן. די שניי איז געווארן מער און מער און מיר האבן זיך געיאגט אהיימצופארן.

אין אנהייב זענען נאך די שאסייען געווען אפען, אבער פארנדיג ווייטער איז עס שוין געווען געשלאסן. מיר האבן געוואלט צוריקגיין, אבער זעענדיג אז עס ווערט ענגער דער מצב האבן מיר גענומען א צווייטע ריכטונג.

אונטערוועגנס איז דער קאר געבליבן שטעקן, נישט זעענדיג קיין אנדערע ברירה זענען מיר ארויס פון די קאר און אנגעהויבן שטופן די קאר מיט די הענט. מיר האבן אזוי געשטופט די קאר אז עס האט אנגעהויבן פארן מיט אן אימפעט און מיר זענען געבליבן אין גאס אונטער די אפענע הימלען.

מיר זענען געווען אובד עצות, אבער הקב"ה האט אונטערגעשיקט די ישועה, א איד האט זיך אפגעשטעלט נעבן אונז און אונז ארויפגענומען אויף זיין קאר. דער איד האט געהאט א דזשיפ און די דזשיפ האט זיך פיין אן עצה געגעבן אין די שנייען.

אונטערוועגנס האט אונזער חבר אריינגעקלינגען זאגנדיג אז זיין קאר איז נאכאמאל געבליבן שטעקן. מיר האבן געזאגט פאר דער איד מיט'ן דזשיפ אז ער זאל אונז אראפלאזן נעבן וואו די קאר שטעקט.

"איין מאל איז געשען א נס, ווער זאגט ענק אז צוויי מאל וועט עס געשען".

אבער מיר האבן זיך נישט געלאזט, מיר זענען אראפ פון די קאר און אנגעהויבן שטופן זיין קאר. אויך דאסמאל האט זיין קאר אנגעהויבן פליען איבערלאזנדיג אונז אויפ'ן גאס אליין.

עס איז אריבער געציילטע מינוטן און דער איד פון דער דזשיפ איז נאכאמאל געקומען צוגיין, אין זכות פון העלפן אונזער חבר זענען מיר אנגעקומען אין שטוב רואיגערהייט, אינדערצייט ווען אנדערע אידן זענען געבליבן געשטראנדעט אין ירושלים.

מיר זענען געווען פון די איינציגסטע אנצוקומען אין שטוב אויף שבת, און מיר האבן געגלייבט אז דאס איז אין די זכות פון ארויסהעלפן אונזער חבר און אים געבן שטיצע אונטערוועגנס.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
ספּואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

איז מפרש רש"י ז"ל, בשם מדרש אגדה: "כּוֹכָב אֶחָד יֵשׁ שֶׁשְּׁמוֹ 'רָעָה', אָמַר לָהֶם פַּרְעֹה, רוֹאֶה אֲנִי בְּאִצְטַגְנִינוּת שֶׁלִּי אוֹתוֹ כּוֹכָב עוֹלֶה לִקְרָאתְכֶם בַּמִּדְבָּר, וְהוּא סִימָן דָּם וַהֲרִיגָה. וּכְשֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל בְּעֵגֶל וּבִקֵּשׁ הקב"ה לְהָרְגָם, אָמַר מֹשֶׁה בִּתְפִלָּתוֹ (להלן לב, יב): 'לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה הוֹצִיאָם' – זוֹ הִיא שֶׁאָמַר לָהֶם 'רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם'. מִיָּד 'וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה' (שם יד), וְהָפַךְ אֶת הַדָּם לְדַם מִילָה שֶׁמָּל יְהוֹשֻׁעַ אוֹתָם", ביז אהער פון רש"י.

אינעם ספר הקדוש **"שער יששכר" פון הגה"ק דער מונקאטשער רב זצוק"ל, בעל 'מנחת אלעזר'** (מאמרי חודש טבת, מאמר שובו בנים שובבים שלהי ס"ק א) איז ער מפרש אין דעם ענין, לויט ווי אונזערע הייליגע **חז"ל** זאגן אינעם סוגיא פון אנהייב מסכת עבודה זרה (ד:): "לֹא עָשׂוּ יִשְׂרָאֵל אֶת הָעֵגֶל, אֶלָּא לִתֵּן פִּתְחוֹן פֶּה לְבַעֲלֵי תְּשׁוּבָה", זע דארט.

אויב אזוי קומט אויס, אז די גאנצע מעשה איז נאר געשען כדי צו ווייזן א וועג פון תשובה פארן רבים, און צו עפענען א 'פתחון פה' פאר בעלי תשובה.

און דאס איז וואס מרומז דא אין אונזער פרשה – **אין אט די הייליגע טעג פון שובבי"ם** – אז מען זאגט אן פאר ישראל קדושים: "רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם", אז מיר זאלן האלטן פאר די אויגן די שלעכטס וואס די אידישע קינדער האבן געזינדיגט, און געדענקען אז דאס אלעס איז נאר געקומען כדי צו געבן א פתחון פה פאר בעלי תשובה, און אויסצולערנען פארן רבים דער וועג פון תשובה.

און דאס איז דאך באוואוסט, אז אין יעדן ארט וואו עס שטייט סתם 'רעה', מיינט מען דאס שלעכטס פונעם 'חטא הידוע', וואס דערפאר איז באשטימט געווארן דער תיקון פון שובבי"ם, אזוי ווי מען לערנט ארויס פון דער מעשה פון עֵר וְאוֹנָן, וואס ביי זיי שטייט אין פסוק 'רַע' (בראשית לח, ז). וויבאלד אט דער ביטערער זינד איז דאך דער עיקר שלעכטס וואס יאגט נאך דעם מענטש חלילה בָּזֶה וּבְבָא, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין זוהר הקדוש (ח"א דף נו:).

דעריבער רופט דער פסוק ארויס צו אונז, און טוט אונז מעורר זיין: **"רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם!"** און מיר זענען געצוואונגען, אויב אזוי, צו מתקן זיין דאס שלעכטס פון אט דעם זינד, און עס אוועקנעמען פון אונז אין אט די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און צו ווערן אויסגעלייטערט פון יעדן זינד.

**און דורכן מתקן זיין אט דעם 'רעה', ווען אידישע קינדער טוען תשובה, ווערט עס זיי איבערגעדרייט לטובה, און מען איז זוכה צו 'דם מילה' אזוי ווי רש"י שרייבט, און ווי דער שער יששכר ערקלערט דארט אז אזוי ווי עס איז באוואוסט, טראגט 'ברית מילה' מיט זיך א 'תיקון גדול' פאר 'יענעם זינד'. – און דורכדעם וועט נתהפך ווערן די גאנצע שלעכטס אויף גוטס, און מען וועט זוכה זיין צו גוטע און געבענטשטע קינדער, זרע ברך ה', און צו מזכה זיין אידן מיט די מצוה פון ברית מילה, וואס דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה, אמן.**

•••

# די תשובה פון די ימי השובבי"ם (א)

**"וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם, יְהִי כֵן ה' עִמָּכֶם, כַּאֲשֶׁר אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וְאֶת טַפְּכֶם, רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם"** י, י

א טייערער בחור פון א גוטע משפחה, איז ל"ע ארויסגעפאלן פון די ראמען פון די ישיבה, ער האט זיך נישט געטראפן דאס פלאץ אין לימוד התורה, רחמנא ליצלן, און איז זיך געגאנגען זוכן בורות נשברים, און נאך עטליכע יאר פון זיך פוסט ארומדרייען, האט מען ענדליך געפינען פאר אים א שיינע און פאסיגע ארבעטס-פלאץ.

טראצדעם וואס ער האט פארלאזט די ישיבה – האט ער זיך אבער נישט אינגאנצן געגליטשט אין אידישקייט ח"ו, און ער האט ווייטער געהיטן תורה ומצוות לויט זיין מעגליכקייט, און איז אויך געקומען ביי מיר צו די וועכנטליכע שיעורים, תמידין כסדרן.

האב איך געטראכט, אז כדי צו מחזק זיין דעם בחור און אים צוריקברענגען צום גלייכן און ריכטיגן דרך המלך, איז זייער כדאי אים צו חתונה מאכן, און וואס פריער אלץ בעסער. דער בחור האט אבער געזוכט און נישט געטראפן, וויבאלד אין זיין אומקלארן מצב איז אים נישט געלונגען צו טרעפן א פאסיגן שידוך... – ער האט שוין געהאלטן ביי דער עלטער פון **זעקס און צוואנציג** (26!) און נאך אלץ האט זיך קיין ישועה נישט אנגעזען אויפן האריזאנט.

ביי איינס פון די שמועסן וואס איך האב געהאט מיט אים, האט זיך דער בחור ממש ביטערליך ציוויינט: ווען וועל איך שוין זוכה זיין, אזוי ווי מיינע אנדערע חברים, אויפצושטעלן א אידישע שטוב? – נאכן אים מחזק זיין מיט בארואיגונגס-ווערטער, האב איך אים געבעטן אז ער זאל פון זיין זייט אנהייבן מיט עפעס א דבר טוב, און איך האב זייער שטארק צוגעשטופט אז ער זאל זיך באשטימען א 'קביעות שיעור' אין לימוד התורה.

דאס איז שוין געווען נאכדעם וואס מיר האבן שוין געהאט עטליכע שמועסן דערוועגן, אבער שטענדיג האט דער בחור דאס אוועקגעשטופט מיט ביידע הענט, טענה'נדיג אז דאס איז נישט פאר אים... ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז ער איז שוין ביטערליך אנגעזעטיגט מיטן פראבירן צו לערנען די שווערע גמרא, און טאקע צוליב די סיבה האט ער זיך ארויסגעגליטשט פון ישיבה... נאכדעם וואס ער האט פאר'מיאוס'ט אינעם לימוד הגמרא, און זיין גרויסן ווייטאג האט ער נישט געפינען אין דעם קיין אינטערעס... – ער האט געהאט א ביטערע און זויערע טעם פון זיין קשר מיטן גמרא... אויף צוריק-וועגס האט מען אויסגעפינען אז אין זיין יוגנט האט מען אים צופיל 'גע'רודפ'ט' דערוועגן... אויף אזוי ווייט אז ער איז נישט געווען אימשטאנד זיך צו זעצן אפילו צו א פשוט'ן שיעור אין גמרא.

איך האב אים שטענדיג מסביר געווען, אז דעם גוטן טעם אין גמרא, איז נישט עפעס וואס קומט אן גלייך, נאר צום ערשט דארף מען זיך שוואר פלאגן מיטן עמל התורה, ביז מען איז זוכה צו שפירן איר זיסן טעם. אזוי ווי **הרה"ק מהרי"א מקאמארנא זצוק"ל** האט מעיד געווען אויף זיך (אין זיין ספר מגילת סתרים), אז אין אנהייב איז אים אזוי שווער געווען דער לימוד התורה, אויף אזוי ווייט אז ער האט געשפירט ביי דעם: **"אלף טעמי מיתות"**! און נאר נאכדעם וואס ער האט זיך מתגבר, אנטקעגן זיין ווילן און נאטור, און ער האט פארגעזעצט צו לערנען מיט מסירות נפש, האט ער ענדליך זוכה געווען אז זיין הארץ האט זיך געעפנט אין די תורה, און ער איז געווארן **כמעיין המתגבר וכנהר שאינו פוסק.**

דער בחור איז אבער די גאנצע צייט געבליבן מיט זיין עקשנות, און האט נישט מסכים געווען צו לערנען גארנישט!

- אבער יעצט, נאכדעם וואס ער האט מיר אזוי שטארק געבעטן אז ער וויל שוין טרעפן א שידוך, האב איך אויסגענוצט דעם געלעגנהייט, און איך האב אים געזאגט אז איך בין גרייט אים צו געבן א גוטע ברכה פאר א שידוך, אבער מען דארף אנגרייטן 'כלים' כדי די ברכה זאל קענען 'חָל זיין'!

און וואס זענען די כלים? – האט דער בחור געפרעגט.

א האלבע שעה לימוד התורה יעדן טאג! – האב איך געענטפערט.

אין אנהייב האט דער בחור זיך פראבירט צו טענה'ן... ער איז גרייט זיך אונטערצונעמען אלע סארטן זאכן, נאר נישט צו לערנען גמרא... ער האט גע'טענה'ט אז דאס איז צי א שווערע גזירה פאר אים! אבער דאסמאל האב איך זיך גע'עקשנ'ט, און איך האב אים געזאגט אז ער מוז ווייזן פאר זיך אליין און פאר יעדן איינעם, אז ער איז דווקא יא מסוגל צו לערנען גמרא!

ער האט געבעטן צייט זיך איבערצוטראכטן, און עטליכע שפעטער האט ער מיר געלאזט וויסן צו מיין גרויס פרייד, אז ער איז ווירקליך מסכים זיך אונטערצונעמען צו לערנען גמרא **א האלבע שעה טאג-טעגליך!**

אצינד האט מען געדארפט מסדר זיין אט די האלבע שעה אז עס זאל זיין מיט הצלחה, כדי עס זאל אים טיפער אריינציען אינעם תורה-קוואל. האב איך זיך גענומען זוכן א גוטער 'חברותא' פאר אים, און איך האב ב"ה געטראפן א יונגער און איידעלער תלמיד חכם, וועלכער איז געווען איינער פון די גוטע פריינט פונעם בחור, וועלכער האט צוגעשטימט אוועקצוגעבן א האלבע שעה א טאג פאר אים, צווישן 11.30 און 12.00 מיטאג-צייט. – דערנאך האב איך נאך געדארפט רעדן מיטן 'בָּאס', דער בעל-הבית פונעם ארבעט-פלאץ וואו דער בחור האט געארבעט, אז ער זאל אים געבן א טעגליכער 'באפרייאונג' פאר א האלבע שעה. אין אנהייב האט דער בעל הבית נישט געוואלט מסכים זיין בשום אופן, טענה'נדיג אז דאס קומט אויס פונקט אינמיטן די ארבעט! אבער נאכדעם וואס איך האב אים געגעבן צו פארשטיין ווי וויכטיג דאס לערנען איז פארן בחור, האט ער ענדליך געגעבן זיין הסכמה דערצו.

דער פלאן איז ב"ה צושטאנד-געקומען, און זיי האבן זיך גענומען לערנען יעדן טאג מיט א פרישקייט, און דער בחור האט זוכה געווען צו אנטפלעקן אז עס איז בכלל נישט אזוי 'שווארץ' ווי ער האט געטראכט... און אלע צדדים זענען געווען צופרידן מיטן טעגליכן סדר, ברוך ה'.

בלויז איין וואך נאכדעם וואס דער בחור האט זיך גענומען לערנען מיטן חברותא יעדן טאג, איז אנגעקומען א גאר וואונדערליכע און ספעציעלע שידוך-פארשלאג, וואס האט 'פונקטליך' געשטימט! נישט נאר צווישן דער חתן און די כלה זעלבסט, נאר אויך צווישן אלע משפחות ארום און ארום, און אפילו אין געלט-זאכן א.א.וו. אלעס האט אויסגעזען ווי א זיווג וואס איז אנגעגרייט מן השמים... און גאר שנעל האט מען דארט אין א גוטע און מזל'דיגע שעה געבראכן טעלער, און דער בחור איז א חתן געווארן במזל טוב!

אין זיין גרויסן שמחה, איז דער גליקליכער חתן אנגעקומען מיר צו איינלאדענען צו דער שמחה פונעם תְּנָאִים, וואס איז געפייערט געווארן ברוב פאר והדר. איך האב זיך זייער שטארק געפריידט מיט זיין שמחה. און ווען ער האט מיר געפרעגט צי ער דארף ווייטער פארזעצן מיטן לערנען בחברותא וויבאלד ער איז שוין געהאלפן געווארן, האב איך אים געזאגט אז ער איז אוודאי מחויב צו ווייטערגיין מיט נאכמער פרישקייט און פעסטקייט, און ער זאל חלילה נישט פארלאזן יעצט דאס לערנען, און זיך נישט מאכן צו שאנד און צו שפאט...

מיט די צייט איז אט די

המשך אין עמוד ד'

חברותא-לערנען 'אויסגעשפרייט' געווארן איבער מערערע שעה'ן אין טאג, פארדעם און נאכדעם'... אויף אזוי ווייט אז זיי זענען געזעצן און געלערנט מיט גרויס התמדה אומגעפער א האלבע טאג ברציפות. דער בחור האט זיך צוריקגעקערט צו זיין לערנען און צו זיין יראת שמים בלבב שלם, און ער האט בסייעתא דשמיא אויפגעשטעלט א בית נאמן לתפארת!

•••

**הרב הקדוש רבי דוד [צבי שלמה] בידערמאן זצוק"ל**, דער לעלובער רבי אין ירושלים עיה"ק מיט איבער הונדערט יאר צוריק, איז זייער נאנט געווען צו זיינע געטרייע חסידים, וועלכע זענען געווען מקושר צו אים באהבת נפש, און אויך ער פון זיין זייט האט געגאסן אויף זיי פיל ליבשאפט און טרייסט, רעדנדיג צו זיי אזוי ווי א מענטש רעדט צו זיין פריינט. ער פלעגט זיך אראפלאזן צו יעדן איינעם לְפוּם דַּרְגָּא דִּילֵיהּ, און ער פלעגט זיך אויסדרוקן מיט לְשׁוֹנוֹת שֶׁל חִבָּה, צומאל אפילו מיטן אראבישן שפראך ווי מענטשן פלעגן רעדן צווישן זיך (יַא חַבִּיבִּי!...) אין יענע צייטן...

איינער פון זיינע חסידים, וועלכער איז געווען זייער מקושר מיט אים מיט גרויס ליבשאפט, איז פארכאפט געווארן אינעם גייסט וואס האט געבלאזן אין יענע צייטן, ווען די תנועות ההשכלה פון פארשידענע סארטן האבן געבוזשעוועט אין די גאסן פון שטאט, און האבן פארשלעפט נפשות צו זייערע פאר'סמ'טע וועג. מיט א צייט שפעטער, האט ער באשלאסן צו פארלאזן די הייליגע לאנד, און אראפנידערן צו די ווייטע אמעריקע.

אין יענע צייטן, איז דאס אראפפארן קיין אמעריקע גערעכנט געווארן ווי א געהעריגער קלקול, וויבאלד מערסטנס אידן וואס האבן דארט ארויסגעוואנדערט זענען צוביסלעך אוועקגעגאנגען פונעם אידישן וועג, רחמנא ליצלן. אין אנהייב האבן זיי אראפגענומען די אריגינעלע ירושלים'ער מלבושים, און זיך אנגעטון קורצע מלבושים אזוי ווי די אנדערע אידן אין אמעריקע, און דערנאך האבן זיי אפגעשוירן בארד און פיאות... און פון דארט איז די וועג נישט ווייט געווען ביזן פארלאזן דאס אידישקייט אינגאנצן... דעריבער איז נישט קיין וואונדער אז די ידיעה איבערדעם וואס דער חסיד האט פארלאזט די לאנד, איז אנגענומען געווארן מיט גרויס צער ביי זיינע קרובי משפחה און נאנטע פריינט.

אבער ווי גרויס איז געווען די וואונדער ביי די ירושלים'ער איד, ווען מיט עטליכע יארן שפעטער האט זיך דער איד צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל, בלייבנדיג מיטן פולן ערליכן צורה און אויפפירונג, אנגעקליידט מיטן לאנגיעריגע ירושלים'ער לבוש, באגלייט מיט בארד און פיאות, קיין האר איז פון אים נישט געפאלן...

ווען זיינע חברים האבן אים געפרעגט, וויאזוי ער האט זיך געהאלטן אין אידישקייט, דארט וואו פילע און בעסערע פון אים האבן געשטרויכלט און געפאלן – האט ער זיי אנטפלעקט אז דאס אלעס איז געווען אין זכות פונעם הייליגן רבי'ן! ווייל וויבאלד זיין גאנצע נסיעה איז דאך נאר געווען אויף פראבע, פאר עטליכע יאר, און ער האט גוט געוואוסט אז אויב וועט ער זיך חלילה צוריקקערן אלץ א פורק עול, וועט ער זיך דאך נישט קענען באווייזן דאס געזיכט אין בית המדרש... און וויבאלד ער האט גאר שטארק ליב געהאט דעם רבי'ן און האט אויסגעקוקט און געלעכצט פאר זיין נאנטקייט, דעריבער האט ער זיך געהאלטן מיט אלע כוחות נישט צו פאלן, און יעדן מאל וואס עס זענען אנגעקומען די שווערע נסיונות און דער יצר האט אים פראבירט איינצורעדן, האט ער זיך נאכאמאל און נאכאמאל געשטארקט מיט די פאלגנדע מחשבה: דו וועסט זיך דאך נישט קענען אזוי באווייזן דיין געזיכט צום הייליגן רבי'ן! זייענדיג אפגעשוירן בארד און פיאות...

און אזוי בין איך געראטעוועט געווארן פון די נעגל פונעם יצר הרע!

**פון אט די טייערע עובדא לערנען מיר ארויס, ווי גרויס איז דער כח פון קירוב רחוקים ווייל מיט אהבה און נאנטקייט קען מען ראטעווען א איד פון חלילה אומצופאלן! אויך איבער דעם גרויסן כח פון התקשרות לצדיקים, וואס אויך אויב ער איז חלילה געפאלן מטה מטה וועט ער נישט וועלן פארלירן דעם קשר מיטן צדיק.**

•••

אויפן בעט אין שפיטאל, איז געלעגן א טייערער איד, א גרויסער ירא שמים, צוליב א קאמפליקאציע נאכן באקומען א 'רויז' אויפן פוס רחמנא ליצלן. דער היץ פון זיין קערפער איז ארויף העכער און העכער ביז צו די פערציג (40!) גראד צעלזיוס (104 פארענהייט), און די יסורים האבן אים ארומגערינגלט פון אלע זייטן.

זיך שפירנדיג אזוי שלעכט, האט מען אים גערופן צו באזוכן אינעם פראכטפולן קליניק פונעם הויפט פראפעסאר וועלכער איז געווען דער אויפזעער פונעם גאנצן אפטיילונג, און ווען ער האט אים אונטערגעזוכט האט ער אנאליזירט זיין קרענק אלץ א געפארפולע קאמפליקאציע, און אים באפוילן גענצליך צו 'רוען' [מנוחה]. – אויסער די פילע מעדעצינען וואס מען האט איינגעשפריצט אין זיין קערפער, האט דער דאקטער אים פארבאטן מיט א שטארקן אנזאג, אז ער זאל זיך נישט וואַגן אראפצוגיין פון בעט אויסער פאר די מינימאלסטע געברויכן, וויבאלד די רויז אינעם פוס קען זיך אויפוועקן און זיך צושפרייטן צו נאך מסוכנ'דיגע ערטער אינעם קערפער.

און אט איז געקומען דער צייט צו דאווענען מנחה. דער חשוב'ער חולה האט אלעמאל מקפיד געווען אויף '**תפילה בציבור**' במסירות נפש, און איז נישט געווען מסוגל צו דאווענען ביחידות. דעריבער האט ער זיך געמאכט אזא סארט 'חשבון': אויב צו דער קליניק פונעם דאקטער האב איך געמעגט אראפגיין, צוריק מיט עטליכע שעה... איז דאך דער בית המדרש נישט ערגער ווי דער באזוך ביים דאקטער... דאס איז דאך גאר א דרינגענדער זאך!

און ער איז טאקע אויפגעשטאנען און געגאנגען דאווענען מנחה אינעם בית המדרש דארט אין שפיטאל.

דער דאקטער, וועלכער איז שנעל אנגעקומען צו זיין בעט, ווערנדיג גערופן דורך די שפיטאל מאנשאפט [צוות] וועלכע האבן דאס באמערקט, איז געווען זייער צארנדיג, ערקלערנדיג אז ער לייגט ארויף דעם גאנצן אחריות אויפן חולה זעלבסט!

**אבער צום גרויסן וואונדער, ווען דער חולה האט זיך צוריקגעקערט פון דאווענען מנחה, איז די גאנצע 'הויכע היץ' אראפגעגאנגען, ביז צו די זיבן און דרייסיג (37! גראד (97.5 פארענהייט)! און גאנץ שנעל האט ער זיך אינגאנצן ערהוילט און מען האט אים אהיימגעשיקט, אין זכות וואס ער האט מקפיד געווען ערליך אויף תפילה בציבור!**

בסייעתא דשמיא

# שובו בנים שובבי"ם

לקראת ימי השובבים הבעל"ט
ניתן להשיג את ספרי הגה"צ המקובל
הרב גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**ספר "תיקון שובבי"ם השלם" עם "טיב התשובה"**

בו מתבאר תפילת 'עננו להרש"ש' באריכות גדול באר היטב, עם הרבה הקדמות מתורת האריז"ל, [מומלץ מאד לאלו אשר עדיין לא נכנסו לגן הפרד"ס], וגם ניתוסף שם מה שיש לפלפל ולהקשות ולתרץ בדבריו הקדושים, וגם הערות והארות על דרך הנגלה בהלכות תשובה, וספר זה הוא תועלת מאוד למי שרוצה ללמוד ענינים אלו בעמקות ובעיון גדול.

**ספר "תיקון שובבי"ם" עם "טיב התשובה הקצר"**

שבו מתבאר בקצרה באר היטב כל הפירוש המובא בארוך, וספר זה הוא תועלת לאלו שכבר למדו לדעת פירוש תפילת עננו, ועתה רוצים לחזור בקצרה תוכן הענינים.

**קונטרס "תיקון שובבי"ם" עם "טיב התשובה המבואר"**

גדלה מעלתו שמבאר כל תיבה ותיבה ממש, באופן שהתיבה בא ופירושו עמו בסמוך לו, **למען יוכל המתפלל לכוון הכוונה הראויה בעת אמירת התיבה ממש.**

**קונטרס "תיקון שובבי"ם" עם "מסורת התשובה"**

והוא התפילה כמתכונתו, וסביב לו '**מסורת התשובה**' והוא שידע המתפלל והמכוון, על כל לשון התפילה מאין נחצבו מקורה קדוש, בכתובים ובדברי חז"ל וכתבי האריז"ל ותלמידיו.

**ספר "טיב התשובה - כל בו לשובבי"ם"**

הספר הזה נדפס מחדש בעריכה נאה בעט סופר מהיר שוה לכל נפש, אוצר כלי חמדה מקובץ לפונדק אחר ליקוטי בתר ליקוטי כל ענינים הנוגעים לעניני שובביים במנהג ובהלכה, עצות וסגולות, תפילות, שיחות ומאמרים, עובדות וסיפורים, הכל בלשון קלילה ומבוארת.

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח